# יחידתי

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת ויצא תשפ"ד / גליון קנ"ח

קול דודי

0722 531 385

מערכת "קול דודי"

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע

605.313.6695

אין אייראפע

033.0551.7811

א פרישע סעריע

מהות כח הבחירה

מיט הרה"ח ר' יצחק אייזיק סאקס שליט"א

אויף 'היכל המרכזי' אין נומער 1

הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט

ספה"ק **מאור עינים** (כי תשא)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | מתחילים פרשת כי תשא |
| שני | ואמנם לא לבד מלאכת |
| שלישי | אך נודע שאין הקב"ה |
| רביעי | עם הארץ אימת שבת |
| חמישי | ולכן כל השומר שבת עד ד"ה והענין כשאדם |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

## חסידי'ש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# אנגרייטן דאס הויז

## דער עומק פון 'הכנה למצוה': מען בויעט אויף ביי זיך אין הארץ א ליידיג פלאץ - וועלכע שטרעבט צו ווערן פול מיט דעם 'אור קדושת המצוה'

"איר הערט נישט אויף זיך צו גרייטן...", האט דער מתנגד זיך אויפגעריסן אויפן חסיד - זעענדיג ווי ער נעמט א קאווע און זעצט זיך לערנען פארן דאווענען אלס א 'הכנה' צום שחרית. "איר גרייט זיך צום יום טוב, איר גרייט אייך צום שבת, איר גרייט אייך צום דאווענען, איר גרייט אייך צום לערנען, יעדע זאך וואס מען טוט - מוז מען קודם כל זיך גרייטן און גרייטן. רוב צייט גייט אויס אויף זיך 'גרייטן', זיך 'בענקען', זיך 'אנווארעמען', זיך 'מיישב' זיין און זיך 'מתבונן' זיין... איז דאס נישט קיין 'ביטול הזמן'?! וויפיל צייט בלייבט שוין איבער אויף צו לערנען?!

אָה, דא קומט איר אריין מיט אייערע שיינע תורה'לעך, אז איר זענט פון די 'חסידים הראשונים' וועלכע פלעגן זיך 'שוהה שעה אחת' זיין און עס איז אריינגעקומען א ברכה אין זייער תורה. אנטשולדיגט מיר, איר זענט נישט קיין 'חסידים הראשונים'! איר זענט פשוט'ע אידן! וואס פאטשקעסטו צייט?! ביסט אויפגעשטאנען? גיי דאווען! וואס זעצסטו זיך אראפ יעצט מיט א קאווע און א חסיד'יש ספר?! און אויב איז דאס נישט גענוג, קומט איר נאך מיט א משונה'דיגע גוזמא, אז די 'הכנה' צו דער מצוה איז נאך גרעסער ווי די מצוה אליינס, שומו שמים, וואו האט מען אזוינס געהערט?! וואו שטייט דאס?! אין רמב"ם?! אין שולחן ערוך?!". אנשטאט אן ענטפער האט דער חסיד געוואונקען מיט זיינע הענט, אז ער קען נישט יעצט אויסרעדן ווייל ער האלט פארן דאווענען.

שפעטער נאכן דאווענען, איז ער צוגעגאנגען צום מתנגד און געפרעגט: "זאג מיר, צו וואס פעלט אויס צו וואוינען אין אן אייגן הויז? וואס איז שלעכט צו איינשטיין אין א האטעל? פארוואס האבן די אלע עוואַקואירטע מענטשן פונעם סכנה'דיגן ראיאן - וועלכע האבן זיך אויפגעהאלטן פאר לאנגע חדשים אין רעגירונג אויסגעצאלטע האטעלן - זיך אזוי שטארק געבענקט צוריק צו גיין צו זיך אהיים? דער האטעל איז דאך אזויפיל שענער און באקוועמער ווי זייער אייגענע דירה?

אדער לאמיר דיר פרעגן, דו מוטשעסט זיך צו באצאלן די חודש'ליכע רענט, איך האב אן עצה פאר דיר, דו קענסט איינשטיין פאר אומזיסט אינעם שטאטישן 'הכנסת אורחים', אדער קענסטו שלאפן ביי דיינע געטרייע חברים! עס וועט דיר גארנישט קאסטן! און אויף פרילינג און הערבסט - ווען דער וועטער איז מילד און גאר אנגענעם - דארפסטו בכלל נישט קיין דירה, ווייל דו קענסט אפילו וואוינען אויפן גאס! די לופט דארט איז אסאך בעסער ווי אינדערהיים!".

דער מתנגד קוקט אן דעם חסיד און ער הייבט נישט אן צו וויסן וואס דער איד וויל פון אים, עס קוקט אים אויס ווי ער רעדט נישט צו דער זאך. אבער דער חסיד עפנט אויף א 'קדושת לוי' אין דער וואכנדיגער סדרה, און ער לערנט אים פאר:

## ווי גרעסער די הכנה - אלץ גרעסער איז דער 'אור המצוה'

**"'אָנֹכִי הָאֵ-ל בֵּית אֵ-ל' - הַלָּשׁוֹן כְּמוֹ הָאֵ-ל שֶׁל בֵּית אֵ-ל. הָעִנְיָן לְמָשָׁל, לְפִי הַנִּרְאֶה יֵשׁ בַּיִת לָדוּר בּוֹ וְאָדָם הוּא מְלֻבָּשׁ בִּבְגָדִים, וְהַבַּיִת הוּא הֲכָנָה אֶל הָאָדָם, כְּמוֹ כֵן הַשְׁרָאַת קְדֻשַּׁת הַמִּצְוָה צְרִיכָה שֶׁיְּהֵא לָהּ בַּיִת, שֶׁתִּמְצָא מָקוֹם לִשְׁרוֹת בּוֹ, וְהַבַּיִת הוּא מַה שֶּׁאָדָם מֵכִין עַצְמוֹ, וְלִבּוֹ מְכֻוָּן אֶל הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה מִצְוָה קֹדֶם שֶׁעֲשָׂאָהּ, וַהֲכָנָה זוֹ הוּא בַּיִת לָדוּר בּוֹ קְדֻשַּׁת הַמִּצְוָה. וְהִנֵּה לְפִי גָּדְלָם וְקַטְנוּתָם כָּךְ הוּא הַקַּבָּלָה".**

וואס איז א 'מצוה'? א מצוה איז א רוחניות'דיגע מציאות! יעדע מצוה ברענגט אראפ דא אויף דער וועלט, א געוויסע ליכטיגקייט און הייליגקייט פונעם אויבערשטן אליינס כביכול, וועלכע קומט און רוהט דא אונטן אויף דער מענטש וועלכער טוט די מצוה.

דא קומט אריין דער כלל אין חסידות: **מִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹקַ** - פונקט ווי א מענטש וועלכער האט א דירה - האט ער וואו צו 'זיין' און 'וואוינען'. ער האט א פלאץ וואו זיין מציאות געפונט זיך 'בקביעות' און מיט א 'התחברות', און אויב האט ער נישט קיין אייגן דירה - אפילו אויב ער שלאפט אינעם שענסטן האטעל - איז ער נישט 'מיושב' און 'קבוע' אין ערגעץ נישט - אט אזוי איז אויך לגבי דעם אויבערשטנ'ס אור, ווען דער אור האט א הויז - וואוינט ער דאהי געהעריג און באקוועם, און ער בלייבט דא שטענדיג.

**א טריט טיפער:** פונקט ווי א משפחה מיט צען קינדער, קען נישט וואוינען אין א קליינע דירה פון צוויי צימערן, אט אזוי מיטן 'אור קדושת המצוה' - וועלכע איז בעצם גרויס און ברייט ביז אן קיין עק - קען ער נישט וואוינען אין א קליינע הכנה'לע, וועלכע איז ווי א קליין דירה'לע. און דערפאר "**לְפִי גָּדְלָם וְקַטְנוּתָם כָּךְ הוּא הַקַּבָּלָה**" - דער מאס וויפיל ליכטיגקייט דער מענטש וועט באקומען דורכן מצוה - איז געוואנדן אינעם גרויסקייט פונעם הויז וואו די ליכטיגקייט גייט אריין וואוינען. ווייל ווי מער הכנה ער האט געמאכט פון פריער - אלץ מער פלאץ איז דא פאר דער ליכטיגקייט.

דערפאר, שטייט דער חסיד'ישער איד בעפאר ער טוט א מצוה און ער ווארעמט זיך, ער פארטיפט זיך מיט הייליגע מחשבות, ער פארבענקט זיך מיט הייליגע השתוקקות און כיסופין צום רבונו של עולם, ווייל "**הַבַּיִת הוּא, מַה שֶּׁאָדָם מֵכִין עַצְמוֹ וְלִבּוֹ מְכֻוָּן אֶל הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה מִצְוָה קֹדֶם שֶׁעֲשָׂאָהּ**". און אט דאס ווערט גענוצט אלס 'חצר' און 'בית' פארן אויבערשטן אליינס כביכול; ווי ער איז ממשיך: "**וְזֶה שֶׁאָמַר דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם 'נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי לְחַצְרוֹת ה' לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל אֵ-ל חָי', הַמְכֻוָּן הוּא כָּךְ: הַכּוֹסֵף וּכְלוֹת נֶפֶשׁ שֶׁלִּי לְךָ - נַעֲשֶׂה לְ'חֲצֵרוֹת' וּבַיִת לְךָ הַשֵּׁם. וְאָמַר אַחַר כָּךְ 'לִבִּי וּבְשָׂרִי' וְכוּ' - שֶׁבָּא לִשְׁרוֹת בּוֹ מֵאַחַר שֶׁעָשִׂיתִי לוֹ חֲצֵרוֹת עִם הַכּוֹסֵף שֶׁלִּי**".

דאס האט דער אויבערשטער געזאגט פאר אונזער פאטער יעקב: "**וְהִנֵּה מֵחֲמַת הַכּוֹסֵף וְהִתְלַהֲבוּת וַהֲכָנַת הַמַּחֲשָׁבָה בּוֹנֶה בַּיִת לְהַשְׁרָאַת הַקְּדֻשָּׁה שֶׁל הַמִּצְוָה. וְלָזֶה יַעֲקֹב אָבִינוּ נָדַר 'אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה יִהְיֶה בֵּית אֱלֹקִים', וּבְשָׁעָה זוֹ לֹא הָיָה לוֹ רַק הֲכָנָה לַמִּצְוֹת, לָזֶה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'אָנֹכִי הָאֵ-ל בֵּית אֵ-ל' - פֵּרוּשׁ שֶׁעַל יְדֵי הֲכָנָה לְמִצְוָה עָשִׂיתָ לִי 'בַּיִת', וְלָזֶה 'שׁוּב וְכוּ' וְאֶהְיֶה עִמְּךָ' כו' - דְּהַיְנוּ שֶׁאַשְׁרֶה גַּם שְׁכִינָתִי בְּעַצְמוֹ עִמְּךָ, כִּי בַּתְּחִלָּה לֹא הָיָה, רַק אֲשֶׁר נָדַרְתָּ לִּי נֶדֶר, וְהָיָה רַק בַּיִת, וְהָבֵן**". דער קדושת לוי דארט ווייטער, גייט אריין אין נאך א גרעסערן חידוש, אז די 'עצם הכנה' איז שוין א זאך פאר זיך - אפילו אויב למעשה וועט ער נישט זוכה זיין צו טון די מצוה. ווייל איינמאל עס איז פארהאן א 'דירה' און א 'הויז' פאר דער 'אור קדושת המצוה' - קומט שוין אריין דערין דער אור - נאך איידער מען טוט די מצוה בפועל! ווייל יעדע 'כלי' איז ממשיך און ברענגט אראפ 'אור' (זעה דארט אינעווייניג באריכות).

## דו זוכסט 'יוצא' צו זיין, אדער 'נכנס' צו זיין?

דער באגריף פון 'הכנה למצוה' איז פון די גרעסטע יסודות אין חסידות. מענטשן וואונדערן זיך: ווי קען מען מאכן אזא מצב פון א 'טפל'?! אבער אויב דערהערט מען דעם 'עיקר העיקרים' וואס דער הייליגער בעל שם טוב האט גע'חזר'ט אין אונזערע אויערן טאג און נאכט, אז די גאנצע תורה און די גאנצע בריאה איז דא בלויז פאר איין ציל: 'דביקות' אינעם אויבערשטן און 'השראת השכינה' - איז דער ענין פון 'הכנה' א פשוט'ע זאך.

**לדוגמא:** א איד קומט אהיים פון דער ארבעט, די קינדער האבן אים שוין צוגעגרייט די מנורה פון פריער, ער גיבט א לויף צו, ער מאכט די ברכות און צינדט אן די חנוכה לעכט. האט ער יוצא געווען? זיכער! מען קען האבן טענות צו אים? בשום אופן! ער האט געטון וואס מען האט אים געהייסן - און אפילו נאכמער ווי זיין חיוב, ער איז פון די 'מהדרין מן המהדרין'. אבער צי שפירט ער עפעס א ליכטיגקייט אין די ליכט? געוועגליך נישט! און אויב שפירט ער יא עפעס - וועט עס אוועקגיין אזוי שנעל ווי עס איז געקומען... און לויט חסידות, האט ער דא פארפאסט דעם 'עיקר' - נישט דעם 'טפל'!

ווידעראום, טאמער וועט ער זיך אוועקזעצן פארן אנצינדן די לעכט, און טראכטן אביסל וואס חנוכה ליכט איז, זיך בענקען צו דעם 'אור הגנוז' וואס קומט אראפ דורכן אנצינדן די לעכט, לערנען א שטיקל חסידי'יש ספר און מחשיב זיין די 'עשיה' וואס ער האלט

המשך אין עמוד ב

# א געפיל צום דאווענען

## וואס מיינט 'האבן א געפיל צום דאווענען'? • ס'איז שייך צו דאווענען אויבערפלעכליך? • און וויאזוי אנטוויקלט מען אזא געפיל און חיבור צו תפילה?

**אברהם יצחק:** א גוט יאר, משפיע.

**משפיע:** אה, א גוט יאר, כ'האב שוין געווארט אויף דיר. וואס הערט זיך? וויאזוי גייט עס אין ישיבה?

**אברהם יצחק:** ברוך ה', זייער גוט.

**משפיע:** נו, וואס גייען מיר היינט רעדן?

**אברהם יצחק:** כ'וויל רעדן אויפן דאווענען.

**משפיע:** אויף וואס? ווילסט רעדן איבער א געוויסע פרט פון תפילה, אדער 'דאווענען' בכלליות?

**אברהם יצחק:** גארנישט ספעציעל, כ'וויל נאר עפעס חיזוק אויף תפילה.

**משפיע:** ביסט גערעכט. מיר אלע דארפן שטענדיג הערן חיזוק אויפן דאווענען, אזויווי חז"ל זאגן אז 'תפילה' איז פון די 'דברים הצריכים חיזוק בכל יום'. איבערהויפט אז מ'דאוונט דאך דעם זעלבן נוסח יעדן טאג, אזוי אז מ'דארף ספעציעלע חיזוק דערויף.

**אברהם יצחק:** גערעכט.

> ביים דאווענען גייט עס נישט אזוי! ס'איז נישט שייך צו דאווענען מיט אן אינערליכע געפיל, אויב מ'האט נישט קיין געפיל צום אויבערשטן!

**משפיע:** כ'מיין אז דער עיקר זאך וואס מיר דארפן יעצט אויפטון, איז באקומען א 'חיבור' צום דאווענען; אויפבויען א געוויסע 'געפיל' אין הארץ צום דאווענען.

ס'איז פונקט ווי דער מושג פון 'שפירן א טעם אין שבת', אדער אזויווי געוויסע מענטשן האבן א ספעציעלע געפיל צו 'מצות לולב' אדער אן עקסטערע געפיל צו טון חסד און פארטיילן עסן צי קליידונג פאר נויטבאדערפטיגע - פונקט אזוי דארפן מיר זיך אויסלערנען צו אנטוויקלען א געוויסע 'געפיל' צו תפילה. מ'דארף אריינלייגן קאפ און כח דערין, מ'דארף גוט דורכטון דעם נושא און מיטן אויבערשטנ'ס הילף - הייבט מען שנעל אן צו זען די תוצאות.

**אברהם יצחק:** נו, איז וואס דארף מען טון?

**משפיע:** איידער מיר רעדן וואס מ'דארף טון, וויל איך צוערשט רעדן וואס פונקטליך מיינט א 'געפיל' אדער 'רגש' צו תפילה, ווי אויך וואס זענען די למעשה'דיגע תוצאות וואס קומען נאכדעם וואס מ'האט אזא געפיל.

**אברהם יצחק:** וואס איז די שאלה? א געפיל צו תפילה מיינט ווען מ'זעט ווי א בחור ברענט ביים דאווענען! ער דאוונט אויפן קול און מיט התלהבות, דאס איז א סימן אז ער האט א געפיל צום דאווענען.

## א געפיל צום אויבערשטן

**משפיע:** ביסט גערעכט אז א מענטש וואס האט אן אמת'ע חיבור און געפיל צו תפילה, קאכט און ברענט בשעת'ן דאווענען. אבער דאס איז שוין א 'תוצאה', א רעזולטאט פון זיין אינערליכע געפיל. איך וויל יעצט אבער רעדן פון דעם 'שורש', כ'וויל מסביר זיין וואס דער 'חיבור' און 'רגש' איז! וואס מיינט א געפיל צו תפילה?

**אברהם יצחק:** אהא, וואס טאקע מיינט א 'געפיל צום דאווענען'?

**משפיע:** איך וואלט עס ענדערש גערופן א 'געפיל צום אויבערשטן', אייגנטליך דאס איז דער עיקר נושא. ווען מיר רעדן איבער א געפיל און חיבור צום דאווענען, רעדן מיר אין אמת'ן אריין איבער א געפיל און חיבור צום אויבערשטן.

ס'קען זיין אלע סארט מענטשן וואס לערנען אסאך, טוען אסאך מצוות און צומאל אפילו דאווענען אסאך - און פונדעסטוועגן קומט עס נישט מתוך אן אינערליכע געפיל צום אויבערשטן. אויב ווילן מיר יעצט אנטוויקלען א חיבור און געפיל צו תפילה, דארפן מיר ערוועקן אונזער חיבור און געפיל צום אויבערשטן.

**אברהם יצחק:** איך כאפ נישט, וואספארא שייכות האט דאס דווקא מיט 'תפילה'? יעדער מענטש דארף זיך אנטוויקלען א חיבור און קשר צום אויבערשטן, אזויווי דער משפיע אליינס זאגט אז צומאל קענען מענטשן לערנען און טון מצות בשעת ס'פעלט זיי נאך אן אמת'ע קשר מיטן אויבערשטן. און אפילו ווען מ'זיצט שוין און מ'לערנט, דארף מען צעעפענען א געפיל צום אויבערשטן; ס'האט לאו דווקא מיטן דאווענען! פארוואס זאגסטו אז ס'האט מיט תפילה?

**משפיע:** ווייל דער קשר און חיבור וואס א מענטש האט צום אויבערשטן, ברענגט זיך ארויס דווקא ביים דאווענען! תפילה איז דאס פלאץ ווי מיר טוען אויפבויען אונזער קשר מיטן אויבערשטן, און דערפאר דריקט זיך עס דארט אויס.

**אברהם יצחק:** און ווען מ'לערנט? דאס ברענגט נישט ארויס אונזער קשר מיטן אויבערשטן? ס'שטייט דאך אין אלע ספרים אז דער גרעסטער קשר וואס ס'איז שייך - ווערט דווקא דורך תורה!

**משפיע:** פרעגסט גוט, און זאגסט ריכטיגע זאכן. ביסט גערעכט אז די שטערקסטע דביקות וואס איז שייך פאר אונז צו האבן מיטן אויבערשטן, איז דווקא דורך תורה. ווייל תורה הק' איז ממש 'חכמתו יתברך' כביכול, און ווי נאר א מענטש לערנט די הייליגע תורה ברענגט ער אריין דעם אויבערשטן אליינס אין זיך. ס'איז א קשר און חיבור וואס האט נישט איר גלייכן. אבער דאס אלעס איז 'מלמעלה למטה' - דאס מיינט, ס'איז נאר מצד דעם אויבערשטן! דער אויבערשטער טוט זיך דעמאלטס כביכול מצמצם זיין צו אונז כביכול, מיט יעדעס ווארט און מחשבה פון תורה קומט 'הוא וחכמתו יתברך' כביכול אריין ביי אונז אין הארץ און מח. אבער מיט דעם אלעם, קען צומאל זיין א מענטש וואס האט נאכנישט מצד עצמו געעפנט סיי וועלכע קשר און געפיל צום אויבערשטן.

אוודאי ווען א מענטש לערנט און טוט מצוות, ברענגט ער צו אז דער אויבערשטער זאל רוען און זיך מקשר זיין מיט אים. אבער פון זיין זייט האט ער בכלל נישט געטראכט פון אויבערשטן, ער האט נישט קיין שום געפיל און רגש צו קירבת ה' ביי זיך אין הארץ. דאווענען איז די צייט, ווען מ'אנטוויקלט אט די געפיל און חיבור!

**אברהם יצחק:** וויאזוי קען דאס זיין? וויאזוי קען זיין אז א מענטש לערנט שעות ארוכות, בשעת ער האט נישט קיין שום געפיל צום אויבערשטן?

**משפיע:** קודם כל, דאס איז די מציאות! די מציאות איז אז נישט יעדער וואס לערנט באקומט א געפיל צום אויבערשטן. איי, וועסטו פרעגן, פארוואס לערנט ער? ס'קען זיין צוליב א רייע סיבות. פאר אלעס, ווייל לימוד התורה איז זייער א געשמאקע זאך, ס'האט טיפזיניגע סברות און ברייטע, גע'חשבונ'טע סוגיות. א בחור וואס האט גוטע כשרונות קען טרעפן גענוג א גוטע סיבה צו זיצן און לערנען. און דאס איז אויסער פארשידענע אנדערע חשבונות און זייטיגע פארדינסטן וואס מ'קען האבן פון לערנען. למעשה, זענען דא אסאך זאכן וואס א דאנק דעם קען א מענטש לערנען - וואס האבן גארנישט צוטון מיט א געפיל צום אויבערשטן.

אבער ביים דאווענען גייט עס נישט אזוי! ס'איז נישט שייך צו דאווענען מיט אן אינערליכע געפיל און קשר, אויב מ'האט נישט קיין געפיל און חיבור צום אויבערשטן! ס'קען אפשר זיין אפאר טעג דא און דארט ווי ס'וועקט זיך אויף א געפיל צו דאווענען מיט כוונה און אויפן קול - צומאל קומט עס פון א 'כח הרבים' ווען דער עולם ארום דאוונט מיט א ברען און דאס שלעפט יעדן מיט, און צומאל קען עס קומען ווען מ'איז איבערראשט און פרייליך פון עפעס, אדער פארקערט; ווען מ'האלט אינמיטן דורכגיין א געוויסע שוועריגקייט וואס ברענגט דעם מענטש צו דאווענען מיט א געפיל און התרגשות. אבער דאס איז אייגנטליך א חיצוניות'דיגער חיבור, די התלהבות און געפיל קומט מכח א חיצוניות'דיגע זאך. ווייל צו קענען דאווענען מיט הארץ און התלהבות אויף א קביעות'דיגע פארנעם - פאדערט זיך אן אינערליכע חיבור און געפיל צום אויבערשטן.

**אברהם יצחק:** גוט. דעמאלטס לאמיר שוין הערן וואס איז די געפיל פון וואס מ'רעדט אזויפיל! מ'קען עס מסביר זיין מיט ווערטער? וואס איז דאס פונקטליך?

## ס'ברענט אים צו האבן א קשר

**משפיע:** ס'איז אסאך פשוט'ער ווי דו טראכסט, ממש פשוט.

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

יעצט ביים טון - וועט ער באקומען דעם 'אור החנוכה'! געווענליך וועט ער נאכן צינדן שפירן א שמחה און געהויבנקייט! און דער געהויבנקייט וועט נישט אזוי שנעל אוועקלויפן פון אים, נאר עס וועט בלייבן וואוינען דארט אינדערהיים - אין דער הכנה וואס ער האט געמאכט דערצו.

**מעשים בכל יום:** דער מענטש וועלכער איז מחשיב א זאך - כאפט עס אסאך בעסער אויף, ווי דער וועלכער איז עס נישט ריכטיג מחשיב. טאמער וועט מען זאגן א טיפן ביאור אין א שווערן 'קצות' - פאר איינעם וועמען דער 'קצות' האט נישט וויי געטון און ער האט זיך קיינמאל נישט געמוטשעט עס צו פארשטיין - וועט ער נישט אויפשפרינגען פאר שמחה, און ער וועט עס שנעל פארגעסן. אבער טאמער וועט מען עס זאגן פארן תלמיד חכם וועלכער האט שוין יארן עגמת נפש, פארוואס ער דערגייט נישט די כונה פונעם קצות - וועט ער נישט קענען צו זיך קומען פאר פרייד! ער וועט שפרינגען פאר שמחה! ער וועט עס איבערזאגן פאר וועמען ער קען נאר! און אזא מענטש וועט דאס קיינמאל נישט פארגעסן! ווייל ער האט געהאט א גרויסן ליידיגן 'פלאץ' פאר דעם חידוש! עס האט געהאט א 'הכנה' פון 'השתוקקות' און 'רצון' פון פריער. אט דאס איז דער עומק פון 'הכנה למצוה', מען בויעט אויף ביי זיך אין הארץ א ליידיג פלאץ וועלכע שטרעבט צו ווערן פול מיט דעם 'אור קדושת המצוה'.

א מענטש וויל און איז אינטערעסירט צו האבן א קשר מיטן אויבערשטן! ער ווייסט אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס האט באשאפן אים און די גאנצע בריאה, ער איז אים מחיה יעדע איינציגע סעקונדע און געבט אים זיינע באדערפענישן יעדע מינוט, אלעס ווענדט זיך אין אים און יעדע זאך וואס ער דארף געפונט זיך ביי אים - און סך הכל וויל ער האבן א קשר מיט אים! ער וויל האבן א שייכות און זיין נאנט מיט אים! דאס זאגט אז ער האט א געפיל און חיבור צום אויבערשטן, און ווי נאר א מענטש האט אזא געפיל - הייבט ער עס אן וועלן ארויסברענגען, און די פאסיגסטע פלאץ וואו מ'קען דאס טון איז ביים דאווענען.

**אברהם יצחק:** כ'האב נאכנישט געכאפט וואס די געפיל איז... וואס מיינט אז ער וויל זיין נאנט? וועלכע סארט געפיל איז דאס?

**משפיע:** לאמיר דיר געבן א ביישפיל פונעם טעגליכן לעבן; שטעל זיך פאר אז ס'שפרייט זיך א קלאנג אין ישיבה, אז א גרויסער תלמיד חכם און אן אויסטערלישער עובד ה' גייט אריינקומען אין ישיבה עטליכע מאל א וואך, און דערביי וועלן די בחורים האבן א געלעגנהייט אויסצושמועסן די סוגיות וואס זיי לערנען, ווי אויך זייערע שאלות אין עבודת ה' מיט אים. אוודאי הייבט אן ברענען א שטארקע רצון ביי יעדן צו מצליח זיין אנצוקניפן א שייכות מיט אים! און ווען ער קומט ענדליך אריין און הייבט זיך אן ארומצודרייען צווישן די בחורים, זעט מען בחוש ווי יעדער פרובירט אים צו געפעלן, האפנדיג מיטן גאנצן הארץ אז ס'וועט אים געלונגען צו זיין פון זיינע 'מקורבים'. פון אזא סארט געפיל רעדן מיר יעצט! ס'איז א געוויסע תשוקה און רצון צו באקומען אן אינערליכער, נאנטער קשר, א תשוקה צו געפעלן און זיין פון די וואס זענען זוכה צו די ספעציעלע קירבה.

**אברהם יצחק:** אבער וויאזוי טוט מען דאס לגבי דעם אויבערשטן?

**משפיע:** פונקט ווי אין דעם משל. פרוביר טראכטן, פארוואס אין דעם אויבנדערמאנטן משל וויל יעדער אנטוויקלען א קשר מיט דעם חשוב'ן מענטש? ווייל מ'האט אנערקענט ווי גרויס און חשוב דער מענטש איז און די גרויסע זכיה וואס ס'איז צו זיין נאנט מיט אים, מ'אנערקענט וויפיל תורה און עבודה מ'קען קונה זיין ביי אים און מ'ווייסט וויפיל אזא קשר קען מוסיף זיין אויפן גאנצן לעבן - דאס איז די סיבה פארוואס מ'קוקט ארויס אים צו געפעלן און האבן אן אינערליכע, נאנטע שייכות מיט אים.

דאס אלעס איז נאר א קליינע משל אנטקעגן דעם אויבערשטן, ווייל דער אויבערשטער איז דאך ממש אלעס, יעדע הצלחה און פארדינסט וואס ס'איז דא אין די וועלט - איז נאר פון אים, נאר ער קען העלפן, נאר ער קען געבן חכמה און תורה און עבודה, ווי מ'זאגט אין אייןווארט; סיי וואס א מענטש קען נאר וועלן ליגט ביים אויבערשטן. דער אויבערשטער איז דער 'מקור' פון אלע הנאות און תענוגים, דער מקור פון אלע הצלחות, דער מקור פון סיי וועלכע טובה פון די וועלט און פון יענע וועלט, ער איז דער איינציגסטער אמת'ער זאך וואס עקזיסטירט! די גאנצע וועלט מיט איר גאנצע גלאנץ און מאכט - האט נישט קיין שום אמת'ע מציאות פאר זיך, נאר אלעס איז דער אויבערשטער! דער אויבערשטער איז אונזער לעבן און אונזער גאנצע מציאות! און וואס מער א מענטש טוט דאס דערהערן, ווערט נתעורר א תשוקה און רצון צום אויבערשטן ביי אים אין הארץ.

**אברהם יצחק:** וואס האט דאס מיטן דאווענען? מ'קען זיך מתבונן זיין דערין סיי ווען מ'וויל... למשל, מיר רעדן דערפון טאקע יעצט, אינמיטן טאג ווען מ'דאווענט נישט, און ס'ברענגט א תשוקה צום אויבערשטן. פארוואס האט עס א קשר דווקא מיט תפילה?

**משפיע:** קודם כל, ווען א מענטש האט א תשוקה צום אויבערשטן, וויל ער רעדן מיט אים! ער וויל דאווענען צו אים, ער וויל אים ליבן און דאנקען, ער וויל אים משבח זיין און אויסרימען - און ער וויל ארויסברענגען זיין קשר אויף יעדע פארנעם און וועג וואס איז פארהאן, און די שטערקסטע וועג וויאזוי א קשר קען זיך אויסדריקן איז דווקא דורך תפילה. און אויסער דעם, דער קשר וואס דו שפירסט יעצט וואס איז געווארן א דאנק אונזער שמועס, וועט גלייך פארשוואונדן ווערן אויב וועסטו עס נישט אריינלייגן אין תפילה. ווייל ווען מ'דריקט אויס און מ'ברענגט אריין דעם געפיל צום אויבערשטן אין 'תיבות התפילה', ווערט עס איינגעקריצט אין הארץ און ס'ווערט אן אמת'ע מציאות ביים מענטש.

**אברהם יצחק:** הייסט עס אז אויב כ'וויל אויפלעבן מיינע דאווענענס און מאכן אז ס'זאל מיר אויפקומען א התעוררות און התלהבות ביים דאווענען, דארף איך ערוועקן און אנטוויקלען ביי זיך אן אינערליכער קשר מיטן אויבערשטן - און דאס וועט צוברענגען אז די גאנצע דאווענען זאל זיין מיט אן אמת'ע, פנימיות'דיגע חיות און התלהבות.

**משפיע:** פונקט אזוי, טאקע דאס דארף מען טון.

**אברהם יצחק:** און ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען און ער שפירט נישט קיין התעוררות און התלהבות, מיינט דאס אז ער האט נישט קיין קשר און געפיל צום אויבערשטן?! ווער ס'האט א חיבור צום אויבערשטן מוז שפירן א התעוררות ביים דאווענען?

**משפיע:** בכלל נישט. מיר רעדן יעצט אויף א פנימיות'דיגע געפיל, און א 'דבר פנימי' מוז זיך נישט שטענדיג אויסדריקן הויעך אויפן קול. צומאל קען דאס הארץ זיין טרוקן און פארשטאפט, און אסאך מאל איז די סיבה דערצו, ווייל דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן אים זוכן און וועלן זיין קירבה דווקא ווען אונזער הארץ איז פארלאשן און קאלט. אבער ס'זאגט נישט אז ווען מ'איז אין אזא מצב האט מען נישט קיין געפיל צום אויבערשטן, ווייל דאס אליינס אז ס'טוט וויי און מ'ערגערט זיך אויף דעם וואס ס'פעלט די התלהבות, דאס אז מ'זוכט א וועג וויאזוי צו עפענען דאס הארץ - דאס אליינס צייגט וויפיל קשר און געפיל מ'האט מיטן אויבערשטן!

ווייל א מענטש וואס האט נישט קיין פנימיות'דיגע געפיל, דעמאלטס ווי נאר ס'גייט אים נישט פונקטליך ווי ער האט געוואלט, לאזט ער אפ די גאנצע זאך און דאווענט חיצוניות'דיג און טרוקענערהייט. אבער א מענטש וואס זוכט און וויל באמת דעם אויבערשטן מיט אן אינערליכער קשר, ער קוקט אויס און נישטערט נאך קירבת ה' און ער ווייסט און גלייבט אז דער אויבערשטער געפונט זיך און וויל אים אין יעדן מצב - אזא מענטשווארפט נישט אוועק זיין עבודה אפגעזען אין וועלכע מצב! ער וועט שטענדיג פרובירן צו טרעפן א קשר מיטן אויבערשטן אויף יעדן וועג מעגליך, און דאס אליינס ווייזט אז ער האט א קשר מיטן אויבערשטן. און דאס - דארף זיין דער עיקר צוגאנג צום דאווענען. און כ'מיין אז די נקודה איז גענוג פאר היינט...

**אברהם יצחק:** כ'האב היינט געהערט מורא'דיגע חידושים. כ'האף אז כ'וועל קענען אריינברענגען די ריכטיגע געפיל צום דאווענען אין מיין הארץ. א גרויסן יישר כח!

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**דער פארגעכסטער גוי, אפילו ווען ער קומט אן צום שפיץ פון אלע תאוות, דערגרייכט ער נישט אפילו א קליפת השום פון די טעם און זיסקייט פון די תורה.**

הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן זי"ע ('דברי מאיר' השלם)

# די חסידי'שע דרך הלימוד

ס'איז שוין דריי טעג וואס ער שטייט און מוטשעט זיך, און איז נישט מצליח צו פארשטיין דעם תוספות. ער קנייטשט זיין שטערן, קלערט איבער דעם תוספות אהין און צוריק און נאך אלעס, זעט ער נאכנישט קיין וועג ארויס פון דעם פלאנטער.

אויפאמאל עפנט זיך די טיר און א רב אנגעטון אין חסידי'שע מלבושים, קומט אריין אין צימער. דער רב פון פרעסבורג הייבט א בליק אויפן אריינקומענדן רב, וועלכער איז נישט געווען קיין אנדערער פון הרה"ק דער 'קדושת לוי' פון בארדיטשוב זי"ע, ער ווענד זיך צו אים מיט א שטילע "שלום עליכם", און ער ווארפט זיך פולשטענדיג צוריק אין די פארנעפלטע סוגיא.

זעענדיג ווי דער מרא דאתרא פלאגט זיך אין א סוגיא, האט זיך דער בארדיטשובער רב געוואנדן צו אים: "רב לעבן, וואס איז אייער קשיא?"

דער רב דרייט זיך אויס און ענטפערט: "ס'גייט מיר נישט ארויסצוהאבן די ווערטער וואס תוספות ברענגט פונעם ר"י, איך כאפ נישט דעם תירוץ".

דער בארדיטשובער רב עפנט א ספר תהלים, און הייבט אן ליינען מיט אן אש קודש און פלאקער, אזויווי זיין שטייגער: "לה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה...".

די התלהבות איז זיך אלס מער צוואוואקסן, ביז דער צדיק איז אנגעקומען צו דעם מצב וואס חז"ל דערציילן אויפן תנא האלוקי רבי עקיבא, "כשהיה מתפלל, אדם מניחו בזוית זו ומצאו בזוית אחרת".

נאכדעם וואס דער צדיק האט געענדיגט זאגן דעם גאנצן קאפיטל, האט ער נאכאמאל מעיין געווען אין די ווערטער פון תוספות, און אט, צו זייער גרויס וואונדער, יעדעס ווארט פון תוספות זענען אצינד הונדערט פראצענט קלאר און קראנט.

דער רב וואונדערט זיך. 'פריער האב איך נישט פארשטאנען דעם תוספות', טראכט ער צו זיך, 'און יעצט פארשטיי נישט ווער דער חסיד איז. וואס איז די שייכות צווישן יענער קאפיטל מיט דעם תוספות?'

'אהא. זעט אויס אז דער חסיד איז נישט אזא באנדיט ווי אלע אנדערע חסידים', האט ער געמורמלט צו זיך, 'ס'זעט אויך אויס אז ער איז נישט קיין קליינער תלמיד חכם; אנדערש ווי אלע אנדערע חסידים'.

דער רב הייבט אויף זיין קול, און ווענדט זיך צום צדיק: "אויב איך מעג בעטן, קענט איר מיר אפשר מסביר זיין דעם קשר צווישן דעם קאפיטל תהלים וואס איר האט געזאגט, מיט דעם שטיקל תוספות?"

ענטפערט אים דער צדיק, מיט ליבשאפט: "זאלט איר ווייסן, טייערער רב, אז ס'זענען דא הונדערט און פופציג בעלי תוספות, און אנטקעגן יעדער בעל תוספות איז דא איין קאפיטל פון די הונדערט און פופציג קאפיטלעך פון תהלים, אנטקעגן זיין שורש נשמה. דעריבער, ווען א מענטש פארשטייט נישט די ווערטער פון תוספות דארף ער זאגן דעם קאפיטל אין תהלים וואס איז אנטקעגן יענער בעל תוספות, און דעמאלטס ווען מ'זאגט יענעם קאפיטל - קומט דער בעל התוספות פון עולם העליון און איז מסביר זיינע ווערטער בטוב טעם ודעת".

דער רב איז געווארן ערשטוינט, הערנדיג די ווערטער "אויב אזוי, אויב איר ווייסט וועלכע קאפיטל פון תהלים איז אנטקעגן וועלכער בעל תוספות, און איר ווייסט וויאזוי אהערצוברענגען די בעלי תוספות אויף די וועלט - זענט איר דאך ראוי צו זיין רב אין אזא עיר ואם בישראל, אזויווי לעמבערג!"

ענטפערט אים דער צדיק: "וואס טראכט דער רב; זוכן מיר דען צו באקומען מכובד'יגע רבנות שטעלעס?! אונזער רבי, דער בעל שם טוב זי"ע האט אונז באפוילן ארומצורייזן פון איין שטאט צום צווייטן, פון איין דערפל צום צווייטן - כדי צו ווייזן פאר אידישע קינדער וויאזוי מ'דארף באמת לערנען די הייליגע תורה!"

און דער צדיק זעצט פאר: "ס'איז נישט גענוג נאר צו לערנען כדי צו זיין א גאון בתורה, נאר דורך די הייליגע תורה דארף מען זיך מקשר זיין מיט אלע נשמות ישראל, דורכדעם וואס מ'איז זיך אינגאנצן מקשר נפש בנפש, רוח ברוח, נשמה בנשמה מיט אלע נשמות קדושות פון די תנאים און אמוראים און בעלי תוספות, ווערט מען אינגאנצן מקושר נפש בנפש, רוח ברוח, נשמה בנשמה מיטן אויבערשטן כביכול! 'ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום'".

# העלאת המידות (א)

## א הייליגע עבודה: ס'האט א שייכות מיט אונז, פשוט'ע מענטשן וואס האבן א משיכה נאך גשמיות?

### שאלה:

כ'האב באמערקט עטליכע מאל אינעם גליון אראפגעברענגט פון ספרים הקדושים, איבערהויפט פון ספר הקדוש 'מאור עינים', איבער דעם ענין פון 'העלאת המידות'. ס'איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט, ווייל איר רעדט דערפון ווי גלייך ס'איז א נושא וואס סיי ווער קען עוסק זיין דערין. מיר האבן דאך מקבל געווען פון אונזערע רבי'ס, איבערהויפט פון הייליגן בעל ה'תניא' און דער 'יושר דברי אמת' - וואס ברענגען ארויס מיט קלארע, שארפע ווערטער - אז ווילאנג א מענטש איז פארטון אין גשמיות און גלוסט צו פארגרעבטע תאוות, האט ער נישט וואס צו טון דערין! אויך דער הייליגער 'בני יששכר' ברענגט די ווערטער פון בעל התניא.

אויב אזוי, וואספארא שייכות האבן מיר מיט די אלע יסודות, וואס געהערן פאר צדיקים און געהויבענע אידן?!

### תשובה:

מ'דארף פארשטיין, אז די עצם 'יסוד' און 'געדאנק' פון 'העלאת המידות' - איז אן עבודה וואס געהערט פאר יעדער איינציגער איד, אפילו לשיטת דער בעל התניא און יושר דברי אמת און די אנדערע צדיקים. און אדרבא; ס'איז א שטארקע יסוד וואס זעט זיך אן אין יעדן בלאט פון זייערע הייליגע ספרים. און אפילו לויטן מאור עינים און אנדערע צדיקים וואס האבן אויסגעלערנט און געפילעוועט די ענין פון 'העלאת המידות', אויף למעשה האבן מיר כאטש אן 'אחיזה' אויף פארשידענע וועגן דערין, אויף אן אופן וואס שטימט אויך מיטן אויבנדערמאנטע שיטה פון בעל התניא.

לאמיר עס אביסל אויסשמועסן:

## הייליגע דימאנטן צווישן אומריינע שמאטעס...

די כללית'דיגע געדאנק פון 'העלאת המידות', איז באזירט אויף איינס פון די גרעסטע יסודות פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע; אז ווען מ'זאגט "ה' אחד" מיינט מען נישט נאר אז השי"ת איז דער 'איינציגסטער בורא', נאר אז ער איז די 'איינציגסטע מציאות', אלעס איז חיות אלקות און אויסער אים איז נישטא קיין שום מציאות. אט דער יסוד ברענגט אונז צו זייער א פשוט'ע מסקנא; אז אפילו די סאמע נידריגסטע מציאות, די מערסט גרעסטע צרה און ערגסטע תאוה - האט בלויז חיות אלקית אין זיך, נאר ס'איז 'בהסתרה'. און דער אמת איז, אז טאקע דאס איז אונזער גאנצע עבודה: צו מגלה זיין אלקותו יתברך אויך אין די נידריגסטע פלעצער, און ווען מיר זענען דארט מגלה אלקותו יתברך, דעמאלטס ווערט די הסתר'דיגע רע אינגאנצן בטל, אזוי אז ס'קלארט זיך אויס אז אלעס איז נאר געווען אן 'אחיזת עיניים' - אזויווי די באקאנטע משל פון בעש"ט הק' מיט די 'זיבן חומות' - און ס'ווערט נתגלה אלקותו יתברך.

**לויט די אויבנדערמאנטע מסקנא, קומען מיר אן צו דעם גרויסן חידוש פון 'העלאת המידות', וואס איז יסודתו בהררי קודש פון מרן הבעש"ט הק' זי"ע און זיין תלמיד, דער גרויסער מגיד זי"ע. וואס איז דער חידוש?** אז יעדעס מאל ס'ערוועקט זיך א שלעכטע מידה אין א מענטש, צום ביישפיל א תאוה פון עסן, איז נישטא קיין רע, נאר ס'איז א 'לבוש' פון רע. אבער אינעווייניג איז פארהאן א ניצוץ אלקי וואס שרייט אז מ'זאל איר מעלה זיין. ס'קומט נישט צו מרחק זיין דעם מענטש פון אויבערשטן, נאר ס'קומט אים צו דערנענטערן צום אויבערשטן, און וויאזוי? דורכדעם וואס ער איז זיך מדבק אין דעם ניצוץ אלקי און טרייבט אוועק די קליפה וואס פארשטעלט די קדושת הניצוץ. ווי נאר א מענטש טוט דאס דערהערן; נעמליך, אז די מאכל האט נישט קיין שום מציאות אויסער חיות אלקית, קען ער מער נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך די פארגרעבטע, חיצוניות'דיגע צורה דערפון, נאר ער ווערט נאכגעצויגן נאך די פנימיות'דיגע אלקית דערפון - און טאקע דורכדעם דערנענטערט ער זיך צום אויבערשטן.

**א משל דערצו:** א מענטש האט געוואלט אריבערשווערצן טייערע דימאנטן. וואס האט ער געטון? ער האט זיי אריינגענייט צווישן פארשטינקענע, פארשימלטע שמאטעס און זיי אפגעשיקט מעבר לים. איבריג צו זאגן, אז זיין מטרה איז נישט אז דארט ביים אנדערן זייט ים זאל מען אנטון די שמאטעס, צוליב זייער הערליכע אויסזעה... זיין מטרה איז זייער קלאר; מ'זאל דארט אנידערווארפן די שמאטעס און אפירטרעפן די דימאנטן דערין. א מענטש וואס וועט נעמען די שמאטעס אזויווי זיי זענען און זיך באנוצן דערמיט צו מאכן 'שפאנזשע' אויף די ערד - ווערט זיין פאררעכנט אלס א וועלט'ס טיפש. האסט דיאמנטן פאר דיר, און דערווייל באנוצטו זיך מיט זיי צו פארווישן א שמוציגע ערד...

**דער נמשל דערפון איז דער ענין פון 'העלאת המידות'.** יעדע מידה, יעדע תאוה, יעדע סארט פחד - איז חיות אלקית, ס'איז העכער אונזער השגה. דער אויבערשטער באהאלט זיינע געטליכע 'דימאנטן' צווישן שמאטעס פון חיצוניות'דיגע שטותים, וויבאלד ער וויל אז דו זאלסט אים מגלה זיין מתוך די חושך און שמאטעס, זאלסט מגלה זיין אז 'לית אתר פנוי מיניה'. און דעריבער דארף מען זיין געווארנט דורכצוקוקן אריין ביז די דימאנטן, און נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך די שמאטעס. זוך דיר דעם אור אלקי וואס באהאלט זיך אונטער די תאוה, און לאז זיך נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך איר חיצוניות.

דאס איז אייגנטליך דער יסוד און מהלך וואס דער בעש"ט הקדוש און זיין תלמיד דער גרויסער מגיד האבן אויסגעטראטן, און מ'דארף וויסן אז ווען ס'קומט צו אט די שורש'דיגע, יסודות'דיגע בליק - איז נישטא קיין שום חילוקי דיעות צווישן די תלמידי הבעש"ט און תלמידי המגיד, זיע"א. דאס איז די כללית'דיגע אור פון חסידות, ווייל ווי געזאגט, אלעס איז באזירט אויפן אויבנדערמאנטן יסוד: אז דער אויבערשטער געפונט זיך אין יעדע זאך, און אונזער עבודה איז אים צו מגלה זיין מתוך דעם הסתר.

## דער געדאנק איז אמת; אבער ביז למעשה

**וואו האבן אונזערע רבי'ס געהאט חילוקי דיעות? ווען ס'קומט צו די חלק ה'מעשה'. וויאזוי מ'דארף טון די עבודה בפועל.**

קומט דער 'בעל התניא', דער 'יושר דברי אמת' און אנדערע צדיקי אמת און זאגן, אז אוודאי איז דער יסודות'דיגער געדאנק הונדערט פראצענט אמת אן קיין צווייפל, אבער אויב דער מענטש איז נאך פארפלאנטערט מיט גשמיות - קען ער זיך נישט בפועל מתבונן זיין דערין.

**דאס מיינט:** אוודאי איז אמת, אז די תאוה איז כל-כולו אלקות און די 'רע' איז נישט מער ווי אן אחיזת עיניים, אבער דו - אלס א מענטש וועמענ'ס 'נפש הבהמית' לעבט, אטעמט, שטויסט און פארפירט, און איז א פולקאמע 'עירוב טוב ורע' - קען זיך נישט מתבונן זיין דערין, ווייל אנשטאט אנקומען צו די ריכטיגע מסקנא, וועסטו זיך פארשמוצן מיט איר חיצוניות'דיגע אויסזעה. און נאכאמאל: אוודאי ווען מ'רעדט מצד דעם אמת דערפון - איז נישטא דארט קיין שום קליפה, און נישט נאר ס'איז נישט דא דארט קיין קליפה, נאר אויך דו מצד דיין נשמה אלקית קענסטו באלעבן דעם אמת אז ס'איז נישט פארהאן דא קיין קליפה! אבער פונדעסטוועגן, ווילאנג דו ביסט פארטון אין גשמיות, האסט נאך א נפש הבהמית וואס איז אליינס 'קליפה' און מצד דעם זעסטו נאר קליפה, די 'רע' אין דיר רודערט און ציעט דיר צו קליפה, און דערפאר לויערט דא א סכנה אז וועסט ח"ו נמשך ווערן נאך די חלק הקליפה דערפון, און נישט נאך איר געטליכע פנימיות. אזוי ארום וועסטו נישט נאר נישט מעלה זיין די מידה, נאר וועסט איר נאך מער אראפשלעפן ה"י.

דעריבער, שטעלט דער בעל התניא אוועק א יסוד, אז די וועג וויאזוי א מענטש דארף זיך ספראווען ווען אימער ס'ערוועקט זיך א תאוה רעה אין אים - איז פשוט און פראסט אוועקצולויפן פון געגנט! פולשטענדיג אפלאזן און זיך מסיח דעת פון די רע. **"אַל יָשִׁית לֵב אֱלֵיהֶן אֶלָּא יַסִּיחַ דַּעְתּוֹ מֵהֶן כְּרֶגַע, וְגַם אַל יְהִי שׁוֹטֶה לַעֲסֹק בְּהַעֲלָאַת הַמִּדּוֹת שֶׁל הַמַּחֲשָׁבָה זָרָה כַּנּוֹדָע, כִּי לֹא נֶאֶמְרוּ דְּבָרִים הָהֵם אֶלָּא לַצַּדִּיקִים"**. פרוביר יעצט נישט זיך צו מתבונן זיין ווי די תאוה איז חיות אלקית, נאר כאפ און פיץ אפ פון די גאנצע געשעפט. זיי זיך מסיח דעת מיט אנדערע מחשבות און פרוביר ניטאמאל זיך צו פארען דערין. ווייל סיי וועלכע אויפן פון זיך באפאסן מיט די מחשבה, אפילו ווען ס'קומט פון א פרואוו אפירצוטרעפן דעם אור אלקי דערפון - שטעלט דיר אריין אין א סכנה פון ווערן נאכגעצויגן נאך די רע דערפון, ח"ו.

דאס איז די מהלך וואס דער 'בעל התניא' האט אוועקגעשטעלט, און ווערט נאכגעפאלגט דורך רבינו דער 'בני יששכר' להלכה למעשה.

**און דא קומען מיר אן צו די עיקר שאלה וואס איר האט געפרעגט: אויב אזוי, האבן די אלע מאמרים אין 'מאור עינים' נישט קיין שום שייכות מיט מיר? ספה"ק מאור עינים איז דאך פול מיט ענינים פון די סארט עבודה, אזוי אז ס'קומט אויס אז ס'איז אונז יא נוגע למעשה! קען מען דען זאגן אז ס'איז דא חילוקי דיעות דערין, און דאס וואס ער זאגט איז נישט נוגע להלכה?!**

מער דערוועגן, וועלן מיר בעז"ה פארברייטערן אין דעם קומענדיגן גליון.

צו באקומען ביזן שטוב דעם חודש'ליכן קונטרס
**הסדר היומי בספרי חסידות**
יעצט! פאר האלב פרייז די ערשטע צוויי חדשים
זיך צו איינשרייבן **848.243.1624**

פטרון הגליון
נדבת ידידנו הנכבד הרה"ח ר' **הערשל פריעדמאן** שליט"א
לע"נ אביו הרה"ח **יעקב דוב** ב"ר **מאיר** ז"ל
נלב"ע ג' כסלו; ת.נ.צ.ב.ה.

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: **347.452.3118** אין וויליאמסבורג: **347.768.3577** אין לעקוואיד: **845.274.4847**
אימעיל DD0722531385@gmail.com | **תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483**